# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:40
מוצאי שב"ק...................6:13

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................יונה ד'-מיכה א'
בבלי...............................נזיר ה'
ירושלמי.......................פאה ח'
תוספתא.......................סוטה ו'
רמב"ם.........................נחלות ח'

פרשת בא, ו' שבט, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 18 (588)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי חֹשֶׁךְ עַל אֶרֶץ מִצְרָיִם וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ. דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְרֶעגְט (תּוֹרַת מֹשֶׁה, פַּרְשַׁת בֹּא), פַּארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט בַּיי מַכַּת חוֹשֶׁךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן אַזַא ווְאוּנְדֶערְלִיכֶע מַכָּה, עֶס זָאל זַיין פִינְסְטֶער פַאר דִי מִצְרִיִּים אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט לִיכְטִיג פַאר דִי אִידְן, לוֹיט ווִי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי צְוֵויי טַעֲמִים פַּארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מַכַּת חוֹשֶׁךְ, כְּדֵי דִי מִצְרִיִּים זָאלְן נִישְׁט זֶען ווִי דִי אִידִישֶׁע רְשָׁעִים שְׁטַארְבְּן, אוּן כְּדֵי דִי אִידְן זָאלְן קֶענֶען נִישְׁטֶערְן אִין דִי פַארְמֶעגְנְס פוּן דִי מִצְרִיִּים, וָואלְט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעקֶענְט מַאכְן אַז דִי מִצְרִיִּים זָאלְן ווֶערְן בְּלִינְד, נִישְׁט פִינְסְטֶער.

אִיז דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר מַסְבִּיר, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּלִינְד לֹא עָלֵינוּ גֵייט אַרִיבֶּער דֶער כֹּחַ פוּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חוּשִׁים, פוּן אֵיין זַייט זֶעט עֶר טַאקֶע נִישְׁט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְדִינְט עֶר אַז זַיינֶע אַנְדֶערֶע חוּשִׁים אַרְבֶּעטְן שְׁטֶערְקֶער ווִי בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אָבֶּער נָאר ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּלִינְד, אָבֶּער ווֶען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זֶען נָאר עֶר זִיצְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּב, ווֶערְן נִישְׁט זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חוּשִׁים שְׁטֶערְקֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט עֶס זָאל ווֶערְן פִינְסְטֶער פַאר דִי מִצְרִיִּים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זֶען, אוּן דֶערְבֵּיי גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן.

טַייטְשְׁט עֶר דֶערְמִיט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בֵּיצָה לב:): "כָּל הַמְצַפֶּה עַל שֻׁלְחַן אֲחֵרִים עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ", ווֶער עֶס דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דִי ווֶעלְט פִינְסְטֶער פַאר אִים; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ, נָאר 'דִי ווֶעלְט אִיז אִים פִינְסְטֶער'. וַוייל עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַן אָרֶעמַאן אַז עֶר פַארְדִינְט דוּרְכְ'ן זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַנְדֶערֶע, וַוייל אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט פָּארֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר קֶען רוּאִיג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן ווֶען עֶר דַארְף עֶפֶּעס קְלַאפְּט עֶר אַרַיין צוּ הַייזֶער אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אַלֶעס צוּ וָואס עֶר דַארְף, דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ 'עוֹלָם חָשַׁךְ', דִי ווֶעלְט אִיז אִים פִינְסְטֶער, וָואס דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם נִיצְן דֶערְפוּן, דַאן ווֶערְן נִישְׁט דִי אַנְדֶערֶע חוּשִׁים שְׁטֶערְקֶער, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְדִינְט דֶער אָרֶעמַאן גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עִנְיָן פוּן אַ חָתָן; אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ "פַּארְוָואס דַארְף מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין אַ חָתָן?" נָאר דֶער חָתָן אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעוֶוען אַ 'מְצַפֶּה עַל שֻׁלְחַן אֲחֵרִים', מֶען הָאט אִים אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט, פְרִישְׁטָאג אוּן נַאכְטְמָאל, אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן מִיט זַיין חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים, קֶען עֶר טְרַאכְטְן: "וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְן?" קוּמְט מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין דֶעם חָתָן אוּן מֶען זָאגְט אִים: אֱמֶת אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער דַארְפְסְטוּ אָנְהֵייבְּן זָארְגְן וְכוּ' אָבֶּער אַ בָּחוּר אִיז 'עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ', עֶס קוּקְט טַאקֶע אוֹיס ווִי אַלְס בָּחוּר קֶען מֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶּער ווֶען מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען מֶער מַרְוִיחַ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יוֹמָא עב:): ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, בֹּא תשפ"ב, אֵצֶל שַׁבַּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַיינְגֶענוּמֶען דִי ווֶעלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעווֶענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער ווֶעלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי ווֶעלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען דִי ווֶעלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי ווֶעלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַיינְצוּנֶעמֶען דִי ווֶעלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי ווֶעלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶּער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי ווֶעלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגְל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט ווִי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעווִילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן ווֶעג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ'ן ווֶעג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען ווִי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, ווֵייסְט נִישְׁט ווֶער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת ווֶעמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, ווֶען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן ווֶערְט מֶען גֶעווָאוִיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער ווֶעלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער ווֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט ווִיסְן ווֶער עֶס גֶעווֶעלְטִיגְט אוֹיף ווֶעם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט. ווֶען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס יָארְן, ווֶען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער ווֶעלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן; עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע פֶּעקְל, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד, חַס וְשָׁלוֹם קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אוּן אוֹיךְ זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דִי בַּאהַאלְטֶענֶע קִנְאָה, דִי בַּאהַאלְטֶענֶע פַיינְטְשַׁאפְט וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַנְדֶערֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד".

דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן גוּטֶע ווֶערְטֶער, אוּן גֶעבּ אִיר דִי גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט דָא פַאר אִיר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָארָא תשפ"ג)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען זֵיי רַאטֶעוֶוען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג הֵייבְּסְטוּ אָן דִי פַּרְשָׁה אוּן דוּ לֶערְנְסְט בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְנְסְטוּ בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימוּד [ע' שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ אָן קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָן קַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - דַארְף מֶען טוּן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה זָאגְט, דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סָעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְּרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן רֶעדְן צוּ דִי טֶעכְטֶער וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּמִדְבַּר רַבָּה יא, סִימָן ה): "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", אַ מֵיידְל דַארְף אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא אַסַאךְ פְּרִיצוּת, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְזָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנֻוָּלִים אוּן מַשְׁחִיתִים.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק, מֶען דַארְף זֵיי אָבֶער אָנְגְרֵייטְן זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. דִי אַלֶע אוֹיבֶּער חֲכָמִים וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּג אוּן זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן, מִיטְ'ן טַעֲנָה 'וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וְכוּ'?' דִי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַּאטְמַאר הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג; ווִיפִיל מֶען הָאט גֶעזָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן 'פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער?' הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט אוּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי דָאס הֶערְן פוּנֶעם מְחַנֵּךְ אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע וֶועג ווִי אֵיידֶער אַרַיינְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת". יָפָה שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם, מִיט אַ קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס וָואס טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער קֶענֶען זֵיי גֶעבְּן לֶעבְּן דֶעם קִינְד; וֶוער עֶס טוּט מִיט מֶענְטְשְׁן ווֵייסְט ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן אִין לֶעבְּן אוּן ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגְרוּנְד גֶעגַאנְגֶען נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי בַּא'עַוְלְ'ט רַחֲמָנָא לִצְלַן, מֶען הָאט זֵיי גֶענוּצְט פַאר עֲבֵירוֹת; וָואלְטְן זֵיי גֶעוואוּסְט זִיךְ צוּ הִיטְן וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן זֵיי וָואלְטְן גֶעבְּלִיבְּן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֶען ווִיל פוּן הִימְל, פוּן הִימְל ווִיל מֶען עֶנְק אוֹיפְוֶועקְן אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. מֶענְטְשְׁן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט ווִיפִיל מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן ווִי אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אַזוֹי צוּ זַיין, בִּיז זַאכְן הֵייבְּן אָן גֵיין שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, דֶעמָאלְט וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם. זָאג דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ; אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט נָאכְגֵיין דֶעם יֵצֶר הָרָע".

דִי פָּאר וֶוערְטֶער בַּיי דִי מְזוּזָה וֶועט דִיר גֶעבְּן הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוואוּיר וֶועט עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶעריבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעוואוּיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאַווייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר ווֵייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַוִויקְלֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶתְ'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען

<<<<<<

<<<<<< מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִים (תְּהִלִים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר וִויל אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְבֵיקוּת)

<<<<<< נייעס

רבי'ן, אזוי ווי ער האט אויסגעדרוקט, "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן". דער רבי האט אמאל געזאגט, "גלייך נאך ראש השנה בייג איך שוין צו די אויער און איך הער שוין דעם שמש קלאפן אויפ'ן פענסטער צו וועקן צו סליחות".

- **תפלה** - די ערשטע זאך דארף מען זיך צוגרייטן מיט תפלה. ברסלב'ע חסידים האבן אלץ געוואוסט אז די איינציגסטע וועג אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן איז נאר מיט אסאך תפלה, בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, שוין פון אנהויב יאר הויבט מען אן אוועקלייגן תפלות אז מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה. ספעציעל אין די יעצטיגע צייטן ווען עס גייט אן א מלחמה אין אוקריינא, עס איז שווער צו קומען און גיין, דעריבער לייגן מיר אריין גאר אסאך תפילות אז מיר זאלן קענען פארן דאס יאר און יעדעס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה אן קיין שום שוועריקייטן, אזוי ווי דער רבי האט אונז געבעטן, און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר. תפלה איז העכער און שטערקער פון אלעס, און אפילו ווען עס זעט נישט אויס בדרך הטבע אז עפעס זאל קענען פאסירן, קען מען עס אבער באווייזן מיט תפלה, מיט'ן בעטן דעם אייבערשטן.
- **פאספארט** - עס איז כדאי איבערצוקוקן יעצט די פאספארטן - פון זיך און פון די קינדער - אויב זיי וועלן נאך זיין גילטיג אויף ראש השנה, און אויב נישט זאל מען שוין יעצט זיך אפגעבן מיט דעם, עס באנייען אדער מאכן נייע, אז דאס זאל נישט זיין קיין אפהאלט אויף די נסיעה.
- **בעטן** - מען קען שוין דינגען בעטן אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן פאר דעם קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט. החכם עיניו בראשו, יעדעס יאר פאלן ארויס מענטשן וואס קומען אן די לעצטע מינוט און עס איז שוין נישטא קיין בעטן פאר זיי, עס ווערן ברוך ה' נתרבה נאך און נאך אנשי שלומינו און יעדער וויל מיטהאלטן ראש השנה אין אומאן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, און דעריבער וועלן מיר נישט קענען אוועקלייגן קיין בעטן פאר די וואס זענען געקומען אין די פריערדיגע יארן, נאר **כל הקודם זוכה, ווער עס קומט פריער באקומט א בעט.** צו דינגען א בעט רופט אין אמעריקע **347-452-1936**, אין ארץ ישראל **0548456150**.
- **שטיבער** - אזוי ווי דער ציבור פארמערט זיך יעדעס יאר קע"ה, וועט מען מער נישט צוזאמשטעלן שטיבער פאר'ן עולם, נאר יעדער צווישן זיך וועט זיך צוזאמשטעלן שטיבער און עס איינמעלדן פאר די ממונים. אין יעדע שטוב איז דא **8** בעטן, אנשי שלומינו וועלן זיך אפשמועסן צווישן זיך מיט וועמען זיי ווילן זיך צוזאמשטעלן אין איין שטוב, און אויב די גאנצע שטוב איז אויסגעצאלט, וועט מען דאס קענען אריינגעבן פאר'ן וועד הבנין, אויב נישט וועט מען גיין אין די רייע און צוזאמשטעלן שטיבער לויט'ן סדר פון די מענטשן וואס דינגען בעטן.
- **עירליין טיקעטס** - גלייכצייטיג ווילן מיר דערמאנען דעם נייעם סערוויס דורך די בארימטע טראוול אגענטור "פלען איט רייט" אז מ'קען שוין יעצט אנהויבן אריינלייגן צוביסלעך געלט פאר אן עירליין טיקעט צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, רופט אריין **845-678-3555**, און דרוקט עקסטענשאן **109**.

אנשי שלומינו זענען זייער דאנקבאר פאר "פלען איט רייט", ובראשם פאר מו"ה אלי קנאלל הי"ו, וואס האבן די פארגאנגענע יאר צוגעשטעלט אזא שיינע געשמאקע נסיעה קיין אומאן ראש השנה פאר אנשי שלומינו, טראץ די פילע שוועריקייטן צוליב די מצב מלחמה. און אויך דאס יאר וועלן זיי מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן צוצושטעלן דאס שענסטע און בעסטע פאר אנשי שלומינו.

**הזריז נשכר!**

***

# שיעור כללי דורכ'ן דיין שליט"א זונטאג אין מאנסי

אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין פילע אידישע קהלות אויסצונוצן די שובבי"ם טעג איבערצו'חזר'ן די וויכטיגע הלכות פאר א אידישע שטוב, ווערט צוגעשטעלט דעם קומענדיגן זונטאג בשלח א שיעור כללי אין הלכות טהרה, וואס וועט ווערן אי"ה פארגעלערנט דורכ'ן חשובן דיין הרה"ג מו"ה יונה זינגער שליט"א, אין בית המדרש היכל הקודש ספרינג וואלי אויף 34 Union Rd. אום 9 אזייגער אוונט.

**שובו בנים שובבי"ם!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ, אַז מַיין מַאן לָאזְט אָפּ כּוֹלֵל?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן וִויל אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דִי כּוֹלֵל אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן, עֶר אִיז גָאר אַן עֶרְלִיכֶער מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן צוּ אַסַאךְ צַייט, עֶר דַארְף עֶפֶּעס טוּן צוּ דִי זַאךְ.

עֶס טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וֵויי, מַיין חָלוֹם אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע הוֹיז, אַ מַאן וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט, אוּן יֶעצְט פִיל אִיךְ וִוי מַיין חָלוֹם דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ מֶער אוּן מֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן צוּ גֵיין בַּיינַאכְט אִין אַ כּוֹלֵל עֶרֶב, מֵיין אִיךְ אַז סְ'וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן לַאנְג.

וָואס אִיז יֶעצְט מַיין תַּפְקִיד? זָאל אִיךְ שְׁטֵיין שְׁטַארְק מִיט מִיר, אָדֶער אִיז עֶס פָּשׁוּט נִישְׁט מַיין עֵסֶק אוּן זָאל אִיךְ זָאל אִים לָאזְן טוּן וָואס עֶר וִויל? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים יָא גֶעבְּן דִי הַרְגָּשָׁה צוּ הָאבְּן אַ "חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה"?

סְ'וֶועט מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה, צוּ וִויסְן אַז אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט לוֹיט מַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, אוּן אוֹיבּ סְ'קֶען זַיין וָואס פְרִיעֶר, וַוייל סְ'אִיז אַן עִנְיָן פוּן טֶעג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן
אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר וִוילְט אוּן אִיר חָלוֹמְ'ט צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ פוּן תּוֹרָה - דָאס אִיז גֶעוָואנְדְן נָאר אִין אַייךְ; עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אֵייעֶר מַאן, מֶען קֶען זַיין אִין כּוֹלֵל אוּן נִישְׁט הָאבְּן אַ תּוֹרָה שְׁטוּבּ. אוּן פַארְקֶערְט, מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - אוּן הָאבְּן אַ תּוֹרָה שְׁטוּבּ, עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְ'ן זַיין אִין כּוֹלֵל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", וָואס קֶענֶען פְרוֹיעֶן טוּן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ'", מִיט דֶעם וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן וַוארְטְן זֵיי אָפּ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים; זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען, מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַאמֶע; אַ פְרוֹי וָואס אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז תּוֹרָה, זִי רֶעדְט צוּ אִירֶע קִינְדֶער פוּן תּוֹרָה, זִי פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען אִירֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען, זִי הֵייבְּט שְׁטֶענְדִיג אִירֶע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה, זִי שֶׁעצְט תּוֹרָה אוּן זִי וִויל תּוֹרָה - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אֵייעֶר תַּפְקִיד אִיז 'זַיין גֶעטְרֵיי פַאר אֵייעֶר מַאן, שֶׁעצְן אוּן הֵייבְּן אֵייעֶר מַאן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ'; יָא כּוֹלֵל נִישְׁט כּוֹלֵל, אִיר דַארְפְט הֵייבְּן, שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן אֵייעֶר מַאן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין מִיט

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

אַייעֶרע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן פא): "מַאגִינֶט סְגֻלָּה לְבָנִים", הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ מַאגְנֶעט אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער; מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, אַז מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְשַׁאפְט אַזוֹי וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס צִיט צוּ זִיךְ – דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער; קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין זִיךְ מַאגְנֶעט, אוֹיבּ מֶען זוּכְט חֶסְרוֹנוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען שֶׁעלְט זִיךְ – דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט מְגַדֵל זַיין קַיין קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן צג): "אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ שֶׁהֵם מְקַלְּלִים אֶת עַצְמָם, אֵין מְגַדְּלִין אֶת בְּנֵיהֶם", מַאן אוּן וַוייבּ וָואס שֶׁעלְטְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן – וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן זֵייעֶרע קִינְדֶער.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶר מַאן אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרְבֶּעטְן וְכוּ'; אִיר מֶעגְט אִים זָאגְן וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט לִיבּ וֶוען עֶר לֶערְנְט, אַז עֶר הָאט אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה אוּן אַז עֶר הָאט שַׁיְיכוּת מִיט אַן עֶרְלִיכְן אִיד וְכוּ', אָבֶּער אִיר זָאלְט אִים וַוייטֶער שֶׁעצְן אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרְבֶּעטְן.

גוּטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן תּוֹרָה'דִיגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען בַּאקוּמְט גְרִינְגֶערְהֵייט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט וֶוען מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִיז אַז מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, זֵיי זָאלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר אוּן צוּ דִי צַדִּיקִים; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי זָאלְן אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט אוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן – נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; אִיךְ גֶעבּ אַלֶעס אַוֶועק אַבִּי מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןْ פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, בִּפְרַט רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"א)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **פנחס דוד וועבערמאן** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שיינע סיומים אויף צוויי מסכתות אין די לימודי הקהלה

אין די טעג הערשט ביי אנשי שלומינו א געוואלדיגע שמחה, ווען מען האט דעם פארגאנגענעם ערב שב"ק ווארא זוכה געווען צו ענדיגן די ערשטע מסכתא אין תלמוד ירושלמי מסכת ברכות אינעם ראם פונעם דף הקהלה אין ירושלמי, און די וואך דינסטאג האט מען זוכה געווען צו ענדיגן מסכת נדרים פון תלמוד בבלי, לויט'ן סדר פונעם דף הקהלה אין בבלי. עס איז נישט צום באשרייבן די געפילן פון שמחת התורה און סיפוק הנפש וואס מען שפירט ווען מען האט זוכה געווען צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי, אריינגערעכנט אין די פארנומענע טעג ווי ביי שמחות, און ימים טובים און אזוי ווייטער.

דער סיום אויף מסכת ברכות ירושלמי איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם ליל שישי, ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויסגעפארן קיין מאנסי צו געבן דעם וועכנטליכן שיעור אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש אין ספרינג וואלי, אינאיינעם מיט'ן חנוכת הבית פאר'ן נייעם בית המדרש.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסער עולם צום שיעור, צום ערשט האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט דעם לעצטן בלאט פון די מסכתא, מען האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן גאר א שיינעם שיעור התחזקות, מען האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, און ווי אזוי יעדער איד קען זוכה זיין דערצו נישט קיין חילוק אין וואסערע מצב ער געפונט זיך, אויך האט מען גערעדט פון אסאך שיינע נושאים, פון שלום בית, חינוך הילדים, און נאך פיל. מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב.

דער סיום אויף מסכת נדרים איז פארגעקומען די וואך מאנטאג אין ישיבה, אינאיינעם מיט א סעודת ראש חודש, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט מסיים געווען און גאר שיין ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא.

עס מאכט זיך פיל מאל אז סוף טאג אפילו מען האט געגעסן דריי פולע סעודות, שפירט מען זיך הונגעריג, מען גייט צו צום פריזשידער, צום פריזער, צום קעבינעט, מען זוכט עפעס עסן, אבער ניין, עס האט נישט געזעטיגט, און מען פרובירט צו דערגיין "איך האב היינט פיין געגעסן, פארוואס שפיר איך עפעס פעלט מיר?" ער שפירט זיך נאך מער אנטוישט ווען אויסער נאך עטליכע פונט צום וואג האט ער גארנישט אויפגעטון.

מוהרא"ש פלעגט אסאך מאל זאגן "פונקט ווי דער גוף דארף עסן, ער דארף א פיינעם פרישטאג, ער דארף א געזונטע נאכטמאל, און אז עס גייט דורך א טאג אן געהעריג עסן, אויסער וואס ער וועט זיך שפירן הונגעריג, וועט עס אויך אויסקלאפן אויף זיין גייסט, און ער קען נערוועז ווערן אויף יעדע קלייניקייט". "די זעלבע זאך" - פלעגט מוהרא"ש זאגן - "איז מיט די נשמה". "די נשמה דארף אויך עסן, זי דארף א פרישטאג - א בלאט גמרא, אזויך אויך א נאכטמאל - עטליכע פרקים משניות, און אז עס גייט דורך א טאג, און מען לאזט די נשמה הונגערן, וועט עס אויסקלאפן אויך אויפן גייסט פונעם מענטש, ער ווערט זיך שפירן מינדערוויכטיג און ליידיג". מוהרא"ש פלעגט אלץ בעטן אנשי שלומינו זיי זאלן אפזינגען א בלאט גמרא אינדערהיים, און ארויסברענגען ווי דאס בויעט אויף דעם שלום בית. דאס וועט ברענגען אז די ווייב וועט שעצן איר מאן ווען זי זעט אים זיצן ביי די הייליגע גמרא.

מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז "גמרא" איז ראשי תיבות די נעמען פון די פיר מלאכים ג'בריאל מ'יכאל ר'פאל און א'וריאל, וואס אז א מענטש לערנט יעדן טאג גמרא, היטן זיי דעם מענטש.

פאר אנשי שלומינו איז גוט באקאנט די מסירות נפש וואס מוהרא"ש האט געהאט צו לערנען דעם בלאט גמרא יעדן טאג, אפילו אין די שווערסטע צייטן. ווען מוהרא"ש האט געהאט זיין הארץ אטאקע ל"ע, האט ער געבעטן מען זאל צוואווארטן מיט'ן אפעראציע, און האט מיט זיינע שוואכסטע כחות געוואלט צוערשט לערנען דעם בלאט גמרא. אזוי אויך ווען ער האט זיך ערוועקט פונעם הארץ אפעראציע האט ער די ערשטע זאך געבעטן מען זאל אים ברענגען די גמרא ווייל ער וויל לערנען דעם בלאט גמרא.

אויסער די אויבנדערמאנטע סיומים, האבן די חשובע מסיימים געפראוועט די פרייליכע סיומים יעדער ביי זיך אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער, און מיט דעם אריינגעברענגט א חשק אויך אין די קינדער צו וועלן לערנען און מסיים זיין, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר מחזק אז מען זאל אלץ מאכן סיומים אינדערהיים, ברענגען עפעס א גוטע זאך פאר די קינדער לכבוד די סיום וואס דער טאטע האט געמאכט, און דאס וועט זיי געבן די געשמאקע געפיל פון לערנען די הייליגע תורה.

**כי אם בתורת ה' חפצו, ובתורתו יהגה יומם ולילה!**

***

# בנין היכל הקודש אומאן, ראש השנה תשפ"ד

ביי ברסלב'ע חסידים דריידט זיך די גאנצע יאר ארום ראש השנה, דאס איז געווען די גרעסטע זאך ביים

<<<<<<


## קיין עין הרע

שטארק אויספרובירטע עצות קעגן עין הרע, עס זאל נישט שאטן קיין עין הרע אין די צייט ווען עס גייט גוט פאר א מענטש

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 86**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**